בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

גִּלָּיוֹן

# שִׁיעוּרֵי חִינוּךְ

אִידִישׁ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת אוּן הַדְרָכוֹת פַאר עֶלְטֶערְן, מְלַמְּדִים, מְחַנְּכִים אוּן מְחַנְּכוֹת

מוסדות היכל הקודש ברסלב

גליון נ"ב

פרשת פקודי
שנת תשפ"ד

## שִׁיעוּרִים אִין חִינוּךְ

דָאנֶערְשְׁטָאג פַּרְשַׁת מִקֵּץ, שְׁנַת תשפ"ג

• דֶער סוֹד פוּן הַצְלָחָה!

**מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף זֶענֶען מִיר מַמְשִׁיךְ מִיטְן שִׁיעוּר וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעגֶעבְּן פַאר מְחַנְּכִים, דָאנֶערְשְׁטָאג פַּרְשַׁת מִקֵּץ, נֵר ד' דַּחֲנֻכָּה, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן, אִין שְׁטֶעטְל, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב - לִיבֶּערְטִי יע"א.**

### מֶען מוּז לִיבּ הָאבְּן דִי קִינְדֶער!

עֶס אִיז דָא אַ זַאךְ וָואס אִיךְ זָאג בַּיי יֶעדֶע שִׁיעוּר אוּן אִיךְ גֵיי עֶס אִיבֶּער זָאגְן נָאכְאַמָאל, וַוייל דָאס אִיז זֵייעֶר אַ ווִיכְטִיגֶע יְסוֹד.

מֶען קֶען נָאר זַיין אַ מְלַמֵּד אוּן אַ לֶערֶערִין אוֹיבּ מֶען הָאט לִיבּ דִי תַּלְמִידִים וְתַלְמִידוֹת, אוֹיבּ מֶען הָאט נִישְׁט לִיבּ אַ תַּלְמִיד אָדֶער אַ תַּלְמִידָה - אִיז אַ שָׁאד דִי צַייט, דִי גַאנְצֶע יָאר גֵייט דֶער אִינְגְל נִישְׁט מַצְלִיחַ זַיין, עֶר גֵייט זִיךְ נִישְׁט קֶענֶען רִיקְן פָארְאוֹיס.

אַ קִינְד פִילְט צִי מַיין רֶבִּי הַאלְט פוּן מִיךְ, צִי מַיין רֶבִּי הָאט מִיךְ לִיבּ.

דִי וָואךְ וֶועט זַיין אִין קוּנְטְרֵס 'עֲצָתוֹ אֱמוּנָה' אַ בְּרִיוו וואוּ אַ פְרוֹי פְרֶעגְט אָן: **"ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ מַאכְן אַז מַיין מַאן זָאל ווִיסְן אַז אִיךְ הַאלְט פוּן אִים?"** דֶער עֶנְטְפֶער אִיז: **"דָאס קֶען מֶען נִישְׁט מַאכְן, דָאס פִילְט מֶען מִיט צוּגֶעמַאכְטֶע אוֹיגְן"**; יֶעדֶער זָאל צוּמַאכְן זַיין אוֹיגְן פַאר אֵיין מִינוּט אוּן טְרַאכְטְן 'מַיין ווַייבּ הַאלְט פוּן מִיךְ?' אוּן מֶען ווֵייסְט גְלַייךְ דֶעם עֶנְטְפֶער, 'יָא, מַיין ווַייבּ רֶעסְפֶּעקְטִירְט מִיךְ', דִי זֶעלְבֶּע קֶען זִיךְ אַ פְרוֹי צוּמַאכְן דִי אוֹיגְן, אַפִילוּ זִי אִיז נִישְׁט אִין דִי זֶעלְבֶּע שְׁטוּבּ פוּן אִיר מַאן אוּן טְרַאכְטְן 'צִי מַיין מַאן קוּקְט מִיךְ אַרוֹיף?' אוּן זִי וֶועט גְלַייךְ ווִיסְן אַז 'יָא, מַיין מַאן קוּקְט מִיךְ אַרוֹיף, אִיךְ ווֵייס אַז עֶר קֶען זִיךְ פַארְלִירְן, אִיךְ קֶען זַיינֶע שְׁוַואכְקֵייטְן, אָבֶּער עֶר אִיז נָאכְאַלְץ אַ גוּטֶער מֶענְטְשׁ, עֶר הַאלְט פוּן מִיךְ'.

דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז מִיט דִי קִינְדֶער; קִינְדֶער פִילְן צִי זֵייעֶר מְלַמֵּד אָדֶער לֶערֶערִין הַאלְט פוּן מִיךְ, עֶס הֶעלְפְט נִישְׁט גֶעבְּן פַאלְשֶׁע קָאמְפְּלִימֶענְטְס מִיט אַ גְרוֹיסֶע שְׁמֵייכְל וֶוען מֶען הָאט פַיינְט דָאס קִינְד אִינֶעוֵוייניג אִין הַארְץ, דָאס אִיז גָארְנִישְׁט וֶוערְד, דִי קִינְדֶער שְׁפִּירְן עֶס.

### בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן

וָואס אִיז דִי עֵצָה מֶען זָאל לִיבּ הָאבְּן יֶעדֶעס קִינְד? - פַאר מֶען קוּמְט אִין חֵדֶר אוּן אִין שׁוּלֶע, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער לֵייג אַרוֹיף אַ חֵן אוֹיף דִי קִינְדֶערְ'ס פָּנִים'עֶר, אִיךְ זָאל יֶעדְן קִינְד בֶּאֱמֶת לִיבּ הָאבְּן"**.

אֵיידֶער מֶען גֵייט אַרַיין אִין כִּתָּה דַארְף מֶען בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער לֵייג אַרוֹיף חֵן אוֹיף מַיין פָּנִים, אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן אָנְנֶעמֶען וָואס אִיךְ זָאג"**.

בַּיי מֵיידְלֶעךְ אִיז דָאס זֵייעֶר ווִיכְטִיג, וַוייל בַּיי מֵיידְלֶעךְ גֵייט עֶס אַז אוֹיבּ דִי טִיטְשֶׁער אִיז אַבִּיסְל נִישְׁט אַזוֹי קְיוּט אִיז שׁוֹין נִישְׁט אִינְטֶערְסַאנְט... מֶען הֶערְט שׁוֹין נִישְׁט אוֹיס דִי לֶערֶערִין, דֶערְפַאר דַארְף מֶען בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער מַאךְ מִיך בַּאחֵנ'ט אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן אָנְנֶעמֶען מַיינֶע וֶוערְטֶער"**.

### פַארְוָואס ווִיל מַיין קִינְד קוּמֶען אִין חֵדֶר?

אַ מְלַמֵּד אוּן אַ לֶערֶערִין קֶענֶען נָאר מַצְלִיחַ זַיין אוֹיבּ מֶען הָאט לִיבּ דִי דְזְשַׁאבּ, אוּן מֶען הָאט לִיבּ דִי קִינְדֶער, מֶען שְׁפִּירְט אַז עֶס 'מַיינֶע קִינְדֶער'.

עֶס מֵיינְט נִישְׁט צוּ זָאגְן אַז עֶס זָאל נִישְׁט זַיין שְׁוֶוער, אַוַודַאי אִיז שְׁוֶוער אוֹיפְצוּשְׁטֵיין צוּפְרִי, דָאס אִיז פַאר שְׁוֶוער פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם, אֲפִילוּ וֶוען מֶען הָאט לִיבּ אַ דְזְשַׁאבּ קֶען מֶען בַּאשְׁטֵיין צוּ שְׁלָאפְן נָאךְ צֶען מִינוּט... עֶס מֵיינְט 'לִיבּ הָאבְּן דִי דְזְשַׁאבּ'.

אוֹיבּ דוּ הָאסְט לִיבּ דַיין דְזְשַׁאבּ, דוּ הָאסְט לִיבּ צוּ קוּמֶען לֶערְנֶען מִיט דִי קִינְדֶער קֶענְסְטוּ מַצְלִיחַ זַיין. אוּן נִישְׁט נָאר 'דוּ קֶענְסְט מַצְלִיחַ זַיין' - נָאר דִי קִינְדֶער גֵייעֶן ווִילְן קוּמֶען אִין חֵדֶר. מַיין קִינְד וֵויינְט יֶעדְן צוּפְרִי אַז עֶר ווִיל קוּמֶען לֶערְנֶען אִין דִי שְׁטֶעטְל חֵדֶר; פַארְוָואס ווִיל עֶר אַזוֹי שְׁטַארְק יֶענֶער מְלַמֵּד? וַוייל דֶער מְלַמֵּד הָאט לִיבּ זַיין דְזְשַׁאבּ, אוּן אוֹיבּ דֶער מְלַמֵּד הָאט לִיבּ צוּ קוּמֶען אִין חֵדֶר ווִילְן דִי קִינְדֶער אוֹיךְ קוּמֶען אִין חֵדֶר, אָבֶּער אוֹיבּ דֶער רֶבִּי קוּמְט אִין חֵדֶר גֶעצְווִינְגֶענֶערְהֵייט, אָדֶער אַ לֶערֶערִין קוּמְט אִין שׁוּלֶע נָאר וַוייל 'אִיךְ מוּז דָאךְ הָאבְּן אַ דְזְשַׁאבּ, זוּמֶער וֶועל אִיךְ זִיךְ שׁוֹין אַן עֵצָה גֶעבְּן וָואס צוּ טוּן, אָבֶּער וָואס זָאל אִיךְ טוּן מִיט דֶעם לַאנְגְן ווִינְטֶער? בִּפְרַט דָא אִין שְׁטֶעטְל וָואס אִיז נִישְׁטָא וָואס צוּ טוּן, וֶועל אִיךְ זִיךְ אָנְנֶעמֶען אַ דְזְשַׁאבּ אִין שׁוּלֶע'... - קֶענְסְטוּ נִישְׁט דָא אַרְבֶּעטְן, נִישְׁט פַאר דֶעם גֶעבּ אִיךְ דִיר דֶעם דְזְשַׁאבּ, דוּ וֶועסְט נִישְׁט מַצְלִיחַ זַיין!

### דֶער סוֹד פוּן הַצְלָחָה!

דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָּדוֹשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט: אַ מֶענְטְשׁ קֶען מַצְלִיחַ זַיין אוּן וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער עוֹשֶׁר אֲפִילוּ פוּן פַארְקוֹיפְן קְלֵיינֶע צֵיין שְׁטֶעכֶערְס (טוּט פִּיקְס); דָא אִין שְׁטֶעטְל קֶען מֶען טְרֶעפְן אִין וַואלְד אַרָאפּ גֶעפַאלֶענֶע בֵּיימֶער, אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ וֶועט נֶעמֶען אַ הַאק אוּן צֶעהַאקְן אַ בּוֹים אוֹיף קְלֵיינֶע שְׁטִיקְלֶעךְ,

אוּן מַאכְן דֶערְפוּן צֵיין שְׁטֶעכֶערְס (טוּט פִּיקְס) - זָאגְט דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב - אוֹיבּ עֶר הָאט לִיבּ דִי דְזְשַׁאבּ, עֶר שְׁפִּירְט בַּיי זִיךְ אַז 'עֶר' וֶועט אַרַיין בְּרֶענְגֶען אִין דִי וֶועלְט דִי עֶכְטֶע הֶעלְטִי (גֶעזוּנְטֶע) צֵיין שְׁטֶעכֶערְס, וַוייל דִי אַנְדֶערֶע זֶענֶען נִישְׁט גֶעזוּנְט צוּ נִיצְן... - וֶועט עֶר וֶוערְן פוּן דֶעם אַ גְרוֹיסֶער מִילְיָאנֶער, "וַוייל עֶר הָאט לִיבּ זַיין דְזְשַׁאבּ", ווִידֶער אוֹיבּ מֶען הָאט נִישְׁט לִיבּ דִי דְזְשַׁאבּ, קֶען מֶען אַרְבֶּעטְן מִיט גָאלְד אוּן בְּלַייבְּן אַן אָרֶעמַאן.

אִינְגֶעלַייט פְרֶעגְן מִיר אַסַאךְ מָאל **"מִיט וָואס זָאל אִיךְ אַרְבֶּעטְן, זָאל אִיךְ אָנֶנֶעמֶען דִי דְזְשַׁאבּ אָדֶער יֶענֶע דְזְשַׁאבּ?"** אִיךְ עֶנְטְפֶער אַלְץ: **"וָואס עֶס צִיט דִיךְ"**, אוּן זֵיי מֵיינֶען שׁוֹין אַז דָאס אִיז אַ רוּחַ הַקוֹדֶשׁ, אַז אִיךְ זֶע וַוייל דָאס צִיט אִים אִיז דָאס זַיין שׁוֹרֶשׁ נְשָׁמָה... דָאס אִיז פָּשׁוּט אַן עֵצָה פוּן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב, אוֹיבּ דוּ הָאסְט לִיבּ דַיין דְזְשַׁאבּ גֵייסְטוּ מַצְלִיחַ זַיין אִין דֶעם.

דֶערְפַאר אִיז דָאס דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ; אַ מְלַמֵּד אוּן אַ לֶערֶערִין דַארְפְן לִיבּ הָאבְּן דִי דְזְשַׁאבּ, אוּן מֶען דַארְף לִיבּ הָאבְּן דִי קִינְדֶער.

## אַזוֹי רֶעדְט מֶען צוּ אַ קִינְד?!

אוֹיבּ אִיז דָא אַ קִינְד אִין דַיין כִּתָּה וָואס עֶס רִינְט אִים דִי נָאז, אָדֶער אַ קִינְד וָואס חָלוֹמְ'ט אַ גַאנְצְן טָאג, קֶען מֶען אִים נִישְׁט אָנְרוּפְן: **"דוּ חוֹלֵם!"** אָדֶער **"דוּ חַאלַאמָאק!"**

דָא אִין שְׁטֶעטְל אִיז דָא אַ מִשְׁפָּחָה וָואס הָאט גֶעוואוֹינְט אִין מָאנְסִי, זֵיי הָאבְּן גֶעהַאט אַ שֵׁיינֶע גְרוֹיסֶע רַייכֶע הוֹיז, זֵיי הָאבְּן זִיךְ אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן אִיבֶּער נַאכְט אוּן זִיךְ אַרִיבֶּער גֶעצוֹיגְן קַיין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג, אִין אַ בֶּעיסְמֶענְט, פַארְוָואס? וַוייל עֶר קוּמְט מִיר זָאגְן אַז זַיין זוּנְ'ס מְלַמֵּד הָאט גֶעמַאכְט אַ צוּ נָאמֶען אוֹיף זַיין זוּן, זַיין אִינְגְל הֵייסְט 'שָׁלוֹם', אוּן עֶר הָאט אִים אָנְגֶעהוֹיבְּן רוּפְן **"שָׁלוֹם חָלוֹם קוּם אַהֶער"**, זַיין זוּן אִיז אַהֵיים גֶעקוּמֶען פוּן חֵדֶר וֵויינֶען אַז עֶר הָאט אַ בַּאקוּמֶען אִין חֵדֶר אַ נֵייעֶ נָאמֶען אוּן אַלֶע קִינְדֶער לוֹיפְן אִים נָאךְ אוּן שְׁרֵייעֶן: **"שָׁלוֹם חָלוֹם"**, אִיךְ הָאבּ אִים גֶעזָאגְט: לֵייג אַרַיין דַיינֶע קִינְדֶער אִין אַ חֵדֶר וואוּ מֶען גֵייט נִישְׁט מַאכְן אַ צוּ נָאמֶען פַאר דַיין קִינְד, אִיךְ הָאבּ אִים נִישְׁט גֶעזָאגְט עֶר זָאל זִיךְ אַרִיבֶּער צִיעֶן קַיין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג, אוּן עֶר הָאט בַּאשְׁלָאסְן זִיךְ אַרִיבֶּער צוּ צִיעֶן קַיין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג, עֶר הָאט אַרַיין גֶעלֵייגְט זַיינֶע קִינְדֶער אִין בְּרֶסְלֶב.

עֶס הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן אַ גַאנְצֶע גֶערַאטְשְׁקֶע אִין זַיין מִשְׁפָּחָה, מֶען הָאט גֶעהַאט טַעֲנוֹת אוֹיף אִים: **"הֲיִתָּכֵן דוּ טוּסְט נִישְׁט קַיין נָארְמַאלֶע זַאךְ, דוּ קוּמְסְט פוּן אַ רִיזִיגֶע הוֹיז אוּן דִי צִיסְט זִיךְ אַרַיין צוּ אַ קְלֵיינֶע הוֹיז?!"** אָבֶּער עֶר הָאט גֶעוואוּסְט 'אִיךְ מוּז דָאס טוּן צוּ רַאטֶעוֶוען מַיין זוּן, עֶר זָאל נִישְׁט פַארְשֶׁעמְט וֶוערְן אִין חֵדֶר'.

אִיךְ וֵוייס פוּן עֶטְלִיכֶע מִשְׁפָּחוֹת וָואס הָאבְּן זִיךְ אַרוֹיס גֶעצוֹיגְן דָא אִין שְׁטֶעטְל נָאר צוּלִיבּ דֶעם אַז דֶער מְלַמֵּד פוּן זֵייעֶר זוּן הָאט גֶערוּפְן דֶעם קִינְד: **"קוּם אַהֶער דוּ חַאלַאמָאק"**, **"קוּם אַהֶער דוּ חָלוֹם"**.

אַזוֹי רֶעדְט מֶען צוּ אַ קִינְד?! - אַזַא מֶענְטְשׁ קֶען נִישְׁט זַיין קַיין מְלַמֵּד, עֶר קֶען גֵיין אַרְבֶּעטְן בַּיי דִי סֶענֶעטֶעיִשְׁן (רֵיינִיגְן דִי גַאסְן)! מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט זָאגְן: **"אַ מְלַמֵּד וָואס נִיצְט הֶענְט - דַארְף גֵיין אַרְבֶּעטְן בַּיים צַאמְנֶעמֶען דִי מִיסְט קַאנֶעס אוּן זִיךְ אוֹיסְגֶעבְּן דִי כַּעַס אוֹיף דִי קַאנֶעס"**, אַז דוּ צִיפְּסְט קִינְדֶער - קֶענְסְטוּ נִישְׁט זִיצְן מִיט קִינְדֶער.

## אַ מְלַמֵּד מוּז זַיין אוֹיסְגֶערוּהט

עֶס קֶען אֶפְשָׁר זַיין אַז דוּ הָאסְט נָאכְנִישְׁט גֶעגֶעסְן הַיינְט, אֶפְשָׁר מַאכְסְטוּ אַ בְּרָכָה, קוֹיף זִיךְ טְשָׁאקְלֶעד מִיט אַ קַאוֶוע, אָדֶער הֵייסֶע קָאקָאוּ; בַּארוּאִיג זִיךְ, קוּם צוּ זִיךְ.

וֶועגְן דֶעם דַארְף אַ מְלַמֵּד אוּן אַ לֶערֶערִין זַיין אוֹיסְגֶערוּט. אוֹיבּ אִיז מָארְגְן נִישְׁט דָא שׁוּלֶע, קֶען אִיךְ אוֹיפְבְּלַייבְּן אַ גַאנְצֶע נַאכְט, אָבֶּער אוֹיבּ אִיז דָא מָארְגְן שׁוּלֶע, מוּז אִיךְ גֵיין שְׁלָאפְן צַייטְלִיךְ, אִיךְ קֶען נִישְׁט אָנְקוּמֶען דִי לֶעצְטֶע מִינוּט אַרוֹיס פוּן בֶּעט, וֶוען אִיךְ וֵוייס נָאכְנִישְׁט ווִי אַזוֹי אִיךְ הֵייס אוּן אִיךְ וֵוייס נָאכְנִישְׁט וָואס אִיךְ גֵיי לֶערְנֶען... מֶען מוּז זַיין אוֹיסְגֶערוּט, אוּן מֶען מוּז בֶּעטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ קוּם יֶעצְט צוּם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, הֶעלְף מִיךְ אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן מִיךְ אוֹיסְהֶערְן, אוּן אוֹיבּ דִי קִינְדֶער ווִילְן מִיךְ נִישְׁט אוֹיסְהֶערְן זָאל אִיךְ גֶעדֶענְקֶען אַז עֶס אִיז נָאכְנִישְׁט עֶק וֶועלְט"**.

### אַרוֹיסְבְּרֶענְגֶען יֶעדְנְ'ס מַעֲלוֹת!

דֶער עִיקָר צִיל פַארְוָואס מֶען הָאט אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט דִי מוֹסָד אִיז אַז מֶען זָאל אַרַיין לֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער אֱמוּנָה, אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער, אוּן מֶען זָאל אַרַיין לֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער אַ זִיכֶערְקֵייט אִין זִיךְ, זֵיי זָאלְן גְלֵייבְּן אִין זִיךְ, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיךְ לִיבּ.

עֶס אִיז נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ צוּ וַוייזְן אוֹיף אֵיין קִינְד אַז דִי גַאנְצֶע כִּתָּה דַארְף זִיךְ אוֹיפְפִירְן אַזוֹי ווִי 'דֶער קִינְד', אַוַודַאי וֶועט מֶען גֶעבְּן פַאר דֶעם קִינְד אַ קָאמְפְּלִימֶענְט: **וַואוּ אַ מְחַיֶה צוּ זֶען ווִי יַעֲנְקִי דַאוֶוענְט"**, **"פְּשְׁשְׁשְׁ מוּשִׁי דַאוֶוענְט אַזוֹי שֵׁיין"**, **"דוּ פִירְסְט זִיךְ אוֹיף אַזוֹי שֵׁיין"**, אָבֶּער מֶען קֶען נִישְׁט אָנְכַאפְּן אַ קִינְד אוּן פָארְהַאלְטְן: **"פַארְוָואס קֶענְסְטוּ נִישְׁט דַאוֶוענֶען אַזוֹי ווִי אִים?"** - דָאס אִיז חֲזִיר טְרֵיף; מֶען קֶען נִישְׁט פָארְהַאלְטְן אַ קִינְד: **"פַארְוָואס קֶענְסְטוּ דִיךְ נִישְׁט אָנְטוּן אַזוֹי אֵיידְל ווִי דֶער קִינְד?"** - נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ, פַאר דֶעם קִינְד וָואס טוּט זִיךְ אַן אֵיידְל זָאלְסְטוּ זָאגְן: **"וַואוּ דוּ בִּיסְט אָנְגֶעטוּן אַזוֹי שֵׁיין צְנִיעוּת'דִיג"**, אוּן פַאר דֶעם אַנְדֶערְן קִינְד וֶועסְטוּ זָאגְן אַ אַנְדֶערֶע מַעֲלָה מִיט וָואס עֶר צֵייכְנְט זִיךְ אוֹיס, מֶען בְּרֶענְגְט אַרוֹיס יֶעדְנְ'ס מַעֲלוֹת, מֶען גֶעבְּט פַאר יֶעדְן קִינְד גוּטֶע ווֶערְטֶער, וַוייל יֶעדֶער קִינְד 'קֶען' אוּן 'וֶועט' אוֹיסְוַואקְסְן גוּט.

## וואוּ אִיז דֶער 'אוֹר הַגָּנוּז'?!

יֶעצְט אִין דִי הֵיילִיגֶע טֶעג פוּן חֲנוּכָּה עֶפְנְט זִיךְ צוּרִיק אוֹיף אַלֶע אִידִישֶׁע הֶערְצֶער, עֶס עֶפְנְט זִיךְ אוֹיף דִי 'אוֹר הַגָּנוּז' בַּיי יֶעדְן אֵיינֶעם. אַ מֶענְטְשׁ מֵיינְט אַז 'אוֹר הַגָּנוּז' אִיז אַ זַאךְ אִין הִימְל וָואס הָאט גָארְנִישְׁט מִיט מִיר; עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי, אוֹר הַגָּנוּז אִיז בַּיי יֶעדְן אֵיינֶעם, בַּיי יֶעדֶע אִיד אִיז דָא אַ בַּאהַאלְטֶענֶע לִיכְטִיגְקֵייט אוּן חֲנוּכָּה עֶפְנְט זִיךְ עֶס אוֹיף, דֶער מֶענְטְשׁ טְרַאכְט נָאכְאַמָאל 'אֶפְשָׁר קֶען אִיךְ יָא זַיין גוּט', 'אֶפְשָׁר קֶען אִיךְ זַיין וואוֹיל'.

## ווִי אַזוֹי לֵייגְט מֶען אַרַיין אַ גֶעשְׁמַאק אִין דַאוֶוענֶען?

מֶען קֶען פּוֹעֵלְ'ן בַּיי קִינְדֶער, מֶען דַארְף נָאר ווִיסְן דֶעם רִיכְטִיגְן וֶועג ווִי אַזוֹי מֶען רֶעדְט צוּ זֵיי. לָאמִיר רֶעדְן פוּן דַאוֶוענֶען; לֶערֶערִינְס שְׁרַייבְּן מִיר בְּרִיוְון אַז דִי קִינְדֶער ווִילְן נִישְׁט דַאוֶוענֶען, אִיז ווִי אַזוֹי לֵייגְט מֶען אַרַיין 'דַאוֶוענֶען' אִין קִינְדֶער? - אַנְשְׁטָאט צוּ רֶעדְן פוּן דִי פַארְקֶערְטֶע וֶועג, זָאגְן פַאר דִי קִינְדֶער: **"אוֹיבּ דוּ דַאוֶוענְסְט נִישְׁט גֵייסְטוּ פְלַאקֶערְן אִין גֵיהִנֹּם"**, דַארְף מֶען רֶעדְן פוּן דִי גוּטֶע וֶועג, מֶען אִיז זֵיי מַסְבִּיר וָואס דַאוֶוענֶען אִיז, מֶען אִיז זֵיי מַסְבִּיר דָאס שֵׁיינְקֵייט פוּן דַאוֶוענֶען, מֶען זָאגְט פַאר דִי קִינְדֶער: **"מֶען גֵייט יֶעצְט בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען גֵייט יֶעצְט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן"**; רֶעדְט נִישְׁט פוּן 'אוֹיבּ מֶען דַאוֶוענְט נִישְׁט'... - רֶעדְט פוּן דָאס שֵׁיינְקֵייט פוּן 'יָא' דַאוֶוענֶען.

## הֶמְשֵׁךְ שִׁיעוּרִים אִין חִינוּךְ

דָאנֶערְשְׁטָאג פַּרְשַׁת מִקֵּץ, שְׁנַת תשפ"ג

## דֶער סוֹד פוּן הַצְלָחָה!

זָאגְט פַאר דִי קִינְדֶער: מֶען גֵייט יֶעצְט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען גֵייט יֶעצְט בֶּעטְן פַאר זִיךְ, פַאר דַיין מִשְׁפָּחָה, פַאר דַיינֶע קִינְדֶער אוּן פַאר דַיין עָתִיד. קִינְדֶער כַאפְּן נִישְׁט, זֵיי מֵיינֶען אַז זֵייעֶר יֶעצְטִיגֶע שְׁטַאנְדְפּוּנְקְט אִיז 'דִי לֶעבְּן', דִי כִּתָּה, דִי רִיסֶעס אוּן לָאנְטְשׁ - דָאס אִיז דִי לֶעבְּן... דַארְף מֶען זֵיי מַסְבִּיר זַיין אַז וֶוען מֶען הָאט חֲתוּנָה הֵייבְּט זִיךְ אָן דִי לֶעבְּן, מֶען בַּאקוּמְט אַ מַאן, מֶען בַּאקוּמְט אַ וַוייבּ, מֶען הָאט קִינְדֶער אוּן מֶען דַארְף הָאבְּן פַּרְנָסָה, לָאמִיר דַאוֶוענֶען, אַז מֶען רֶעדְט אַפָּאר וֶוערְטֶער פַארְ'ן דַאוֶוענֶען, אָדֶער מֶען דֶערְצֵיילְט זֵיי אַ מַעֲשֶׂה פוּן דַאוֶוענֶען, אָדֶער אַ מַעֲשֶׂה פוּן אַ צַדִּיק, וֶועלְן אַלֶע קִינְדֶער אָנְהֵייבְּן דַאוֶוענֶען, אוּן אַלֶע קִינְדֶער וֶועלְן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אִיךְ הָאבּ עֶנְק גֶעגֶעבְּן אַן עֵצָה אַז מֶען קֶען אַרַיין זָאגְן דָאס דַאוֶוענֶען אִין אַ רֶעקָארְדֶער, מֶען זָאגְט דָאס אַרַיין מִיט אַ חַיּוּת אוּן אַ לֶעבֶּעדִיגְקֵייט, אוּן בִּשְׁעַתְ'ן דַאוֶוענֶען צִינְדְט מֶען עֶס אָן אוֹיפְ'ן סְפִּיקֶער, אָבֶּער נִישְׁט אֵייבִּיג הֶעלְפְּט דָאס, דַארְף מֶען דֶערְצֵיילְן פַארְ'ן דַאוֶוענֶען אַ מַעֲשֶׂה, וֶועלְן דִי קִינְדֶער דַאוֶוענֶען שֵׁיין.

בִּשְׁעַתְ'ן דַאוֶוענֶען קֶען מֶען נִישְׁט אָפְּשְׁטֶעלְן דִי כִּתָּה, דָאס דַאוֶוענֶען דַארְף פָארְן אִין אֵיין צוּ, אָבֶּער פַארְ'ן דַאוֶוענֶען קֶען מֶען דֶערְצֵיילְן אַ מַעֲשֶׂה וֶועגְן דָאס שֵׁיינְקֵייט פוּן דַאוֶוענֶען, אוּן עֶס קֶען זַיין אַז דַיינֶע וֶוערְטֶער גֵייעֶן נִישְׁט הֶעלְפְּן פַאר דִי יֶעצְטִיגֶע דַאוֶוענֶען, אָבֶּער דִי וֶוערְטֶער גֵייעֶן אַרַיין, עֶס קֶען זַיין וֶוען עֶר וֶועט שׁוֹין זַיין אַ אִינְגֶערְמַאן אוּן עֶר וֶועט דַאוֶוענֶען אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ גֵייט עֶר זִיךְ דֶערְמַאנֶען דִי מַעֲשֶׂה וָואס זַיין רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט אִין כִּתָּה ה'! אִיךְ דֶערְמַאן זִיךְ הַיינְט זֵייעֶר אַסַאךְ זַאכְן פוּן חֵדֶר, יֶעדֶער אֵיינֶער דֶערְמַאנְט זִיךְ אִין דִי שְׁפֶּעטֶערֶע יָארְן זַאכְן פוּן חֵדֶר; צִי עֶס אִיז אַ גוּט וָוארְט וָואס אַ מְלַמֵּד הָאט מִיר גֶעזָאגְט אַלְס קִינְד, אָדֶער אַז דֶער מְלַמֵּד הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן כָּבוֹד אַלְס קִינְד.

**הֶמְשֵׁךְ פוּנֶעם שִׁיעוּר וֶועט קוּמֶען מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ**

## בִּרְיוֹן פוּן חִינוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

### מֶעג אַ טַאטֶע טוּישְׁן אָדֶער בָּאדְן זַיין קְלֵיין מֵיידְל?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיַשֶׁר כֹּחַ אוֹיף אַלֶע בְּרִיוו יֶעדֶע וָואךְ אִין עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, אוּן פַאר דֶעם גִּלְיוֹן פוּן חִינוּךְ, אִיךְ לֵיין עֶס יֶעדְן שַׁבָּת, אוּן דָאס אִיז מַמָּשׁ מַיין עֹנֶג שַׁבָּת, אִיךְ וַוארְט יֶעדֶע וָואךְ אוֹיף דֶעם. בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז צוּבִּיסְלֶעךְ קוּם אִיךְ צוּרִיק צוּ דִי כֹּחוֹת, אוּן אִיךְ קֶען וַוייטֶער אָנְהוֹיבְּן לֶערְנֶען אוֹיפְ'ן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד אוּן דַאוֶוענֶען יֶעדְן טָאג דִי דְרֵיי תְּפִלּוֹת.

אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַ קְלֵיין מֵיידֶעלֶע, שׁוֹין אַ יָאר אַלְט, אוּן לֶעצְטְנְס הֶער אִיךְ פוּן אַרוּמִיגֶע מֶענְטְשְׁן אַז עֶס פַּאסְט נִישְׁט פַאר אַ טַאטֶע צוּ בָּאדְן דִי מֵיידְל, אָדֶער צוּ אִיבֶּערְטוּישְׁן דִי מֵיידְל, אָדֶער אֲפִילוּ צוּ בֶּעבִּיסִיטְן דִי מֵיידְל, וֶוען מַיין וַוייבּ דַארְף הִילְף.

אִיךְ הָאבּ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעהֶערְט פוּן מוֹהֲרַא"שׁ אַז עֶס זָאל זַיין אַ פְּרָאבְּלֶעם מִיט דֶעם. פַארְקֶערְט, מוֹהֲרַא"שׁ הָאט אַלְץ גֶערֶעדְט אַז מֶען דַארְף הֶעלְפְּן אִין שְׁטוּבּ. הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט פְּרֶעגְן וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הַאלְט וֶועגְן דֶעם.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת מַטּוֹת מַסְעֵי, כ"א תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וואוֹיל אִיז דִיר אַז דוּ דַאוֶוענְסְט דִי דְרֵיי תְּפִילּוֹת יֶעדְן טָאג, שַׁחֲרִית מִנְחָה מַעֲרִיב, אוּן זַיי מַקְפִּיד צוּ גֵיין אִין שׁוּל דַאוֶוענֶען. אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת ו:): "בְּשָׁעָה שֶׁהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא בָּא בְּבֵית הַכְּנֶסֶת", וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער קוּמְט אִין שׁוּל, "וְלֹא מָצָא בָּהּ עֲשָׂרָה", אִין זֶעט אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין מִנְיָן, "מִיָּד הוּא כּוֹעֵס", וֶוערְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בְּכַּעַס, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (יְשַׁעְיָה נ, ב): "מַדּוּעַ בָּאתִי", פַארְוָואס בִּין אִיךְ גֶעקוּמֶען, "וְאֵין אִישׁ", וֶוען עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין מֶענְטְשׁ? "קָרָאתִי", מֶען רוּפְט מִיךְ, "וְאֵין עוֹנֶה", אוּן אִיךְ עֶנְטְפֶער נִישְׁט; זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים, וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער קוּמְט אִין שׁוּל אוּן זֶעט וִוי מֶען דַאוֶוענְט מִיט מִנְיָן - אִיז נִישְׁטָא קַיין כַּעַס נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט פוּן דֶעם אַ נַחַת רוּחַ. נָאךְ זָאגְן חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (שָׁם ז:) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (תְּהִלִּים סט, יד): "וַאֲנִי תְפִלָּתִי לְךָ ה' עֵת רָצוֹן", "אֵימָתַי עֵת רָצוֹן" וֶוען אִיז אַן עֵת רָצוֹן? "בְּשָׁעָה שֶׁהַצִּבּוּר מִתְפַּלְּלִין", וֶוען דֶער צִיבּוּר דַאוֶוענְט.

אוֹיךְ פְרֵיי אִיךְ זִיךְ אַז דוּ לֶערְנְסְט דַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן, אִיךְ הָאף אַז דוּ לֶערְנְסְט יֶעדְן טָאג דִי בְּלַאט גְּמָרָא. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן ריד): "'תַּלְמוּד' גִּימַטְרִיָּא שֶׁל הַקְּלִפָּה הַמְחַטְאַת אֶת הָאָדָם בִּפְגַם הַבְּרִית שֶׁנִּקְרֵאת 'לִילִית'", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לֶערְנְט גְּמָרָא - פַארְבְּרֶענְט עֶר דִי קְלִיפָּה וָואס וַוארְפְט אַרָאפּ אַ מֶענְטְשׁ אִין פְּגַם הַבְּרִית; אַ שָׁאד אַז מֶענְטְשְׁן וֵוייסְן נִישְׁט פוּן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד (הַמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו), אַז מֶען קֶען לֶערְנֶען אֲפִילוּ אָן פַארְשְׁטֵיין; וַוייל וֶוען מֶענְטְשְׁן וָואלְטְן גֶעווּאוּסְט דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ בְּלַאט גְמָרָא אֲפִילוּ אָן פַארְשְׁטֵיין, נָאר זָאגְן דִי וֶוערְטֶער - וָואלְט יֶעדֶער אֵיינֶער גֶעעֶפְנְט דִי הֵיילִיגֶע גְמָרָא אוּן גֶעלֶערְנְט.

בְּנוֹגֵעַ דַיין פְרַאגֶע וְכוּ'; קֶענְסְט שְׁמוּעֶסְן מִיט חֲבֵרִים, פַארְבְּרֶענְגֶען מִיט מֶענְטְשְׁן, אָבֶּער דֵּעוֹת - זָאלְסְטוּ אוֹיסְהֶערְן נָאר פוּן צַדִּיק, אוּן אַוַדַאי אוּן אַוַדַאי וִוי אַזוֹי אַוֶועק צוּ שְׁטֶעלְן דַיין שְׁטוּבּ - זָאלְסְטוּ נָאר אוֹיסְהֶערְן דֶעם צַדִּיק.

דֶער צַדִיק זָאגְט הֶעלְף אִין שְׁטוּב, בָּאד די קִינְדֶער, בֶּעבִּי-סִיט די קִינְדֶער און טוּיש די קִינְדֶער; נִישְׁט נָאר מֶען מֶעג, נָאר אַ טַאטֶע מוּז הֶעלְפְּן בָּאדְן די קִינְדֶער און טוּישְׁן די קִינְדֶער; אִיז וָואס דַארְפְסְטוּ זִיךְ מְבַלְבֵּל זַיין פוּן אַנְדֶערֶע? וואוּיל אִיז דֶעם וָואס הֶעלְפְט אִין שְׁטוּב.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

(עצתו אמונה פרשת דברים תשפ״ג)

## ווי אַזוֹי הַאנְדְלְט מֶען מִיט אַ קִינְד וָואס הַאלְט נִישְׁט בַּיים פָּאלְגְן?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א,

אִיךְ דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז אִיךְ בִּין אַ מְלַמֵּד אִין הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ אִין קִרְיַת בְּרֶסְלֶב, הַיינְט הָאב אִיךְ גֶעהַאט זַייעֶר אַ שֵׁיינֶע טָאג אִין חֵדֶר, אָנְהֵייבּ טָאג אִיז נָאךְ גֶעוֶוען שְׁוֶוער, יֶעצְט סוֹף טָאג אִיז גֶעוֶוען אַ מְחַיֶּה, שְׁבַח אֵייבֶּערְשְׁטֶער.

עֶס פִּילְט זִיךְ זַייעֶר גֶעשְׁמַאק נָאךְ אַ פִּילֶע טָאג חֵדֶר, אִיךְ וָואלְט גֶעקֶענְט פַארְשְׁוַוארְצְט וֶוערְן, גֵיי ווייס וואו, און דָא זִיץ אִיךְ מִיט קִינְדֶער און אִיךְ לֵייג אִין זֵיי אַרַיין יִרְאַת שָׁמַיִם, יְיַשֵּׁר כֹּחַ פַארְ'ן מִיר גֶעבְּן דִי מַתָּנָה צוּ קֶענֶען זַיין דָא אַ מְלַמֵּד.

אִיךְ הָאב אַ קִינְד אִין קְלַאס וָואס אִיךְ מוּטְשֶׁע זִיךְ זַייעֶר מִיט אִים, סְפֶּעצִיעֶל זַייט זַיין מַאמֶע הָאט גֶעהַאט אַ קִינְד, וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען אַבִּיסֶל בַּיי אַ צְוֵוייטֶע מִשְׁפָּחָה, אִיז עֶר אִיז אַהֵיימְגֶעקוּמֶען אִינְגַאנְצְן אַנְדֶערְשׁ, ווי שְׁוֶוער עֶר אִיז גֶעוֶוען בִּיז דֶעמָאלְט, אִיז עֶר יֶעצְט גֶעוָוארְן נָאךְ סַאךְ שְׁוֶוערֶער, מַמָּשׁ גָארְנִישְׁט גֶעפָאלְגְט, אַלֶעס וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעהֵייסְן הָאט עֶר גֶעטוּן פַּארְקֶערְט, זַיין טַאטֶע הָאט מִיךְ אוֹיךְ גֶעזָאגְט אַז זַייט עֶר אִיז אַהֵיימְגֶעקוּמֶען קֶען עֶר נִישְׁט הַאנְדְלֶען מִיט אִים.

דִי וָואךְ הָאבּ אִיךְ גֶעוויינְט צוּם מְנַהֵל אַז אִיךְ קֶען נִישְׁט מִיט אִים, עֶר מַאכְט מִיךְ אַרוֹיסְלוֹיפְן פוּן קְלַאס, אִיךְ קֶען נִישְׁט מֶער, דֶער מְנַהֵל הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן אַן עֵצָה אִיךְ זָאל אִים מַאכְן פַאר אַ גַבַּאי; דֶער קִינְד קֶען זֵייעֶר גוּט דִי עִבְרִי זָאל אִיךְ אִים מַאכְן פַאר דֶער חַזָן, עֶר זָאל פַארְזָאגְן דִי עִבְרִי. אִיךְ הָאבּ טַאקֶע אַזוֹי גֶעטוּן, אִיךְ הָאבּ אִים גֶעזֶעצְט בַּיי מַיין טִישׁ און גֶעמַאכְט פַאר גַבַּאי, עֶר הָאט פַארְגֶעזָאגְט דִי עִבְרִי, און נֶעבְּכְן רוּפְט מִיךְ אָן זַיין טַאטֶע און זָאגְט מִיר אַז עֶר ווייסְט נִישְׁט וָואס עֶס אִיז גֶעשֶׁען דָא, עֶר אִיז אַהֵיימְגֶעקוּמֶען אַ נַייעֶ קִינְד, עֶר הָאט דֶערְצֵיילְט אַז עֶר אִיז גַבַּאי אִין חֵדֶר, עֶר הָאט שׁוֹין גֶעפָאלְגְט אַלֶעס וָואס מֶען הָאט אִים גֶעהֵייסְן אִינְדֶערְהֵיים. שְׁבַח אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז מִיר הָאבְּן אַזַא מְנַהֵל.

יְיַשֵּׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פָּרָשַׁת פִּנְחָס, י״ג תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, מְלַמֵּד תַּלְמוּד תּוֹרָה הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מוֹהֲרָא״שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט זַייעֶר אַסַאךְ גֶערֶעדְט צוּ מְלַמְּדִים, זֵיי גֶעגֶעבְּן זַייעֶר אַסַאךְ חִיזוּק, זֵיי זָאלְן ווִיסְן דָאס חֲשִׁיבוּת פוּן זַיין אַ מְלַמֵּד, און מוֹהֲרָא״שׁ פְלֶעגְט זַייעֶר אַסַאךְ רֶעדְן פוּן דָאס וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (תַּעֲנִית כד.) עֶס אִיז אַמָאל גֶעוֶוען אַ טְרוּקֶענִישׁ - עֶס הָאט נִישְׁט גֶערֶעגֶנְט פַאר אַ לַאנְגֶע צַייט, אַ פָּשׁוּט'עֶר אִיד אִיז צוּגֶעגַאנְגֶען צוּם עָמוּד און גְלַייךְ וֶוען עֶר הָאט גֶעזָאגְט: "מַשִּׁיב הָרוּחַ, וּמוֹרִיד הַגֶּשֶׁם" הָאט אָנְגֶעפַאנְגֶען צוּ גֵיין אַ גָאס רֶעגְן, הָאט מֶען אִים גֶעפְרֶעגְט: "וָואס זֶענֶען דִי גוּטֶע מַעֲשִׂים וָואס דוּ טוּסְט?" הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אִיךְ בִּין אַ מְלַמֵּד דַרְדְקֵי - אִיךְ לֶערְן מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער, און אִיךְ מַאךְ נִישְׁט קֵיין חִילּוּק פוּן אַ קִינְד וָואס דֶער טַאטֶע צָאלְט מִיר גֶעלְט אַז אִיךְ זָאל לֶערְנֶען מִיט אִים, אָדֶער אַ קִינְד וָואס דֶער טַאטֶע צָאלְט מִיר נִישְׁט; נָאךְ אַ מִנְהָג הָאבּ אִיךְ, אַז וֶוען אִיךְ זֶע אַ קִינְד וָואס ווִיל נִישְׁט לֶערְנֶען, בִּין אִיךְ אִים מְשַׁחֵד. אִיךְ הָאבּ אִין שְׁטוּב אַ פִישׁ טַאנְק, און אִיךְ רֶעד אִים צוּ, אַז אוֹיבּ עֶר וֶועט לֶערְנֶען - וֶועל אִיךְ אִים ווַייזְן דִי פִישֶׁעלֶעךְ, בִּיז עֶר הוֹיבְּט אָן לֶערְנֶען", דָאס אִיז גֶעוֶוען זַיין כֹּחַ, דֶערִיבֶּער הָאט מֶען אִים אוֹיסְגֶעהֶערְט זַיינֶע תְּפִלּוֹת.

עַל כָּל פָּנִים זֶעט מֶען פוּן דִי מַעֲשֶׂה דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ מְלַמֵּד וָואס אִיז מְשַׁחֵד דִי קִינְדֶער בִּיז זֵיי לֶערְנֶען און דַאוֶוענֶען, און אַז דָאס אִיז דִי וֶועג, דָאס אִיז דִי בֶּעסְטֶע צוּגַאנְג מִיט קִינְדֶער, זֵיי גְרוֹיסְן; זֵיי מַאכְן חָשׁוּב, און אַזוֹי כַאפְּן זֵייעֶר הָאֶרֶץ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין מִיט אַלֶע תַּלְמִידִים, זָאלְסְט אַרַיינְלֵייגְן אִין זֵיי אַ לִיבְּשַׁאפְט און אַ טְרֵיישַׁאפְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

...

(עצתו אמונה פרשת מטות מסעי תשפ״ג)

צוּ בַּאקוּמֶען ווֶעכֶנְטְלִיךְ דֶעם גִלְיוֹן, בִּיטֶע שְׁרַייבְּט צוּ: jhbul1234@gmail.com

קוֹל בְּרֶסְלֶב

קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה און נאך
212-444-9191 / 845-351-0910
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 4383008080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינע 11552354370

קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספים; און נאך
845-351-9060 / 212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
חיזוק יומי אימעיל chizikyomi@gmail.com/ טעלעפאן מעסידזשינג 347-630-2876